NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12917

FOLKS-MAYSES UN LEGENDES FUN ALTN PROG

Solomon Bastomski

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג „בייע יידישע פאָלקס־שול"

פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס פון אַלטן פּראָג

איבערדערציילט

פון ש. באסטאָמסקי

ווילנע — 1923.
דרוקעריי ש. פ. גארבער, זאוואלנע 25.

Bajki Żydowskie
S. Bastomskiego.
Wilno, Druk. F. Garbera, Zawalna 25.

אכטונג, שילער און לערער!

אין פארלאג „נייע יידישע פאלקסשול“ איז ערשינען א נייע יידישע שפיל צונויפגעשטעלט פון ש. באסטאמסקי—

אילוסטרירטע לאָטאָ „רעטעניש“

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן: ווילנע, סטעפ. נאס 24 ח. 28

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקס־שול"

פאָלקסמעשיות און לעגענדעס פון אַלטן פּראָג

איבערדערציילט

פון ש. באַסטאָמסקי

ווילנע 1923.

דרוקעריי ש. פ. גארבער, זאוואלנע 25.

Bajki Żydowskie
S. Bastomskiego.
Wilno, Druk. F. Garbera. Zawalna 25.

אַלע פֿאָלקס-מעשיות און לעגענדעס, וואָס ווערן דאָ געבראַכט אויסער דער לעצטער זיינען גענומען געוואָרן פֿון א. איראַסעקס זאַמלונג: —

"Старинныя сказанія чешскаго народа"

די לעצטע לעגענדע וועגן ר' יהונתן פּראַגער האָבן מיר באַקומען דורך דער חבֿרטע מ. חייםסאָן פֿון אירער א שילערין א. קורניק.

ש. ב.

דאָס יידישע געטאָ.

מיט אַ יאָר דריי הונדערט צוריק איז אין דער שטאָט פּראָג*) געווען אַ גרויסע יידישע קהילה. די יידן פון פראָג האָבן נאָך דאַן געוווינט אין אַ באַזונדער געטאָ, דאָס יידישע געטאָ האָט זיך געפונען אין דער טייל שטאָט, וואָס רופט זיך אַלטשטאָט. דאָס געטאָ איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט און נאָר דורך זעקס טויערן האָט מען געקאָנט אַהין אַריין און פון דאָרט ארויס. אויך ביינאַכט פלעגט מען די טויערן פאַרמאַכן און דאַן פלעגט דאָס געטאָ אינגאַנצן אָפּגעריסן ווערן פון דער אַרומיקער וועלט.

אין משך פון דער קריסטלעכער פסח־וואָך האָבן די טויערן געדאַרפט זיין אינגאַנצן פאַרשלאָסן, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט.

דאָס יידישע געטאָ האָט געהאט עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים ווי די איבעריקע טיילן פון דער שטאָט: אַלטע, דאָס רוב הילצערנע בנינים געבויט אין פּאַרצייטיקן סטיל, די הייזער — עפּעס מאָדנע צוגעבויט איינס צום אַנדערן, איינס איבער דעם אַנדערן מיט אַ סך גאַניקלעך און באַלקאָנדעלעך.

פינסטערע שמוציקע הויפן, ענגע, קרומע, געדרייטע, ניט קיין ברוקירטע גאַסן.

די איינוווינער פון דעם געטאָ האָבן זיך אויך אויסגעטיילט פון דער איבעריקער באַפעלקערונג מיט זייער אויסזען, דאָס רוב אין היטלען מיט אַ געלן האָרן און אין אַ פּלאַשטש מיט אַ רויטער לאַטע פון הינטן.

אין פראָג גופא האָבן די יידן ניט געטאָרט וווינען, הגם עס איז געווען אַ מסורה אַפילו ביי די קריסטן, אַז די גערודפטע יידן זיינען געווען די ערשטע איינוווינער פון דער שטאָט, אַז זיי

*) הויפּטשטאָט פון בעהמען.

די יידן, האָבן דאָ אויסגעבויט אַ ישוב נאָך איידער די באַרימטע ליבושע*) האָט געלייגט די ערשטע גרונטשטיינער פון דער שטאָט.

די יידן האָבן דערציילט, אַז זייער אַלטע שול איז עלטער אפילו פון דעם עלטסטן קלויסטער.

מיט גרויס יראת־הכבוד האָבן אַלע געקוקט אויף דער דאָזיקער אַלטער געביידע מיט די שמאָלע פענסטערלעך, מיטן אַלטן הויכן געדעקטן דאַך, וואָס איז שוין פון עלטער אַזש שוואַרץ געוואָרן.

ווי אַ געטרייער שומר האָט זיך געהויבט איבער די ענגע קרומע געסלעך אָט דער מערקווירדיקער דענקמאָל פון די איבערגעלעבטע גזרות און צרות.

אַלטע יידן האָבן דערציילט, אַז אין די ווענט פון דער אַלטער פּראָגער שול זיינען פאַראַן שטיינער פון בית־המקדש, וואָס מלאָכים האָבן אַראָפּגעבראַכט אַהער אויף דעם אָרט, ווו דאָס אויסדערוויילטע פאָלק האָט זיך באַזעצט. ...„אין די מלאָכים האָבן פאַרזאָגט אונדזערע אָבות־אבותינו — האָבן די אַלטע לייט דערציילט — אַז די שול זאָל שטיין פעסט, אַז דאָס אָרט, ווו עס ליגן די שטיינער פון בית־המקדש, זאָל לעולם־ועד בלייבן ניט גערירט“..

און ווי איז געווען צו די יעניקע, וואָס האָבן געפּרוווט עפּעס איבעראַנדערשן אין דער שול: זיי פלעגן אָדער געשטראָפט ווערן ביי דער אַרבעט אָדער גאָר פלוצלונג אַוועק פון דער וועלט.

און נאָך האָט מען דערציילט וועגן דער שול: גאָר די ערשטע שול איז געווען אַ הילצערנע. אַז די הילצערנע שול איז געוואָרן זייער אַלט, האָבן זיך פאַרזאַמלט די באַלעבאַטים פון דער שטאָט און באַשלאָסן אויסצובויען אַ נייע שול, ניט ווייט פון דער אַלטער, אויף אַ בערגל. און אָט, אַז מ׳האָט גענומען גראָבן דעם פונדאַמענט פון דער נייער שול, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אונטער דרערד אויף אַ שטיינערנער וואַנט. וואָס ווייטער מע האָט געגראָבן, האָט מען אַלץ בולטער דערזען, אַז דאָס איז אַ וואַנט פון גאָר־גאָר אַן אַלטער שול. נאָך מער איז די זאַך קלאָר געוואָרן, אַז מ׳האָט אין דער ערד געפונען אַ רייניקייט.

אין יענער צייט האָבן זיך אין פּראָג געפונען צוויי ירושל־

*) לעגענדאַרישע העלדין, גרינדערין פון פּראָג.

מער יידן. דידאָזיקע יידן האָבן דאָס געראטן די פּראָגער יידן בויען די פענסטער פון דער שול אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין ברייט פון איגעווייניק און וואָס ווייטער צו אויסווייניק–צו — אַלץ שמעלער און שמעלער. די שול גופא זאָל מען בויען אַזוי, אַז מע זאָל זיך אַהין דאַרפן אַראָפּלאָזן אויף טרעפּ, ווייל אַזוי שטייט אין דער תורה–הקדושה: „ממעמקים קראתיך ה׳“...

און די פּראָגער יידן האָבן טאַקע געבויט די שול אַזוי, ווי מ׳האָט זיי אָנגעוויזן.

און עד–היום שטייט זי נאָך, די אַלט–נייע שול, און דורות–לאַנג קלינגט דאָרט די יידישע תורה און תפילה.



די אַלטע פּראָגער שיל.

נ׳יט איינמאָל איז שוין אָט דער אַלטער מקום–קדוש פאַרשוועכט געוואָרן פון דעם פינסטערן קריסטלעכן המון, פיל מאָל האָט זיך דער פינסטערער המון אַהער אַריינגעריסן, פאַרשוועכט און געלעסטערט די יידישע הייליקייטן, געשלאָגן און גע[illegible]ט די יידן.

פיל מאָל איז שוין דער נר-תמיד פאַרלאָשן געוואָרן און דער ארון-קודש איינגעוואָרפן געוואָרן... צום ערשטן מאָל האָט די שול שרעקלעך געליטן אין דער צייט פון דעם קיניג יאַן. דער-דאָזיקער קיניג האָט באַפוילן זיינע קנעכט אויסצוזוכן אין דער שול די פאַרבאהאַלטענע יידישע אוצרות.

און דעם קיניגס קנעכט האָבן טאַקע דאָ אויסגעגראָבן פיל זילבער און גאָלד, יידיש האָב און גוטס. אַ סך יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אין דער צייט פון דעמדאָזיקן הערשער.

נאָך מער האָבן די יידן געליטן אין דער צייט פון זיין אייניקל וויאַטשעסלאַוו IV. פאַר זיין הערשאַפט האָט זיך דער המון איינמאָל אין אַ פסח-נאַכט אַריינגעריסן אין דעם יידישן געטאָ, צעראַבירט און פאַרברענט די שטאָט.

דריי טויזנט יידן זיינען דאַן אומגעקומען על קדוש השם. די ווענט פון דער שול זיינען געווען די שטומע עדות פון די שרעקלעכע געשרייען און יללות. די הייליקע אויפשריפטן, וואָס האָבן באַצירט די ווענט, זיינען פאַרגאָסן געוואָרן מיטן בלוט פון די קדושים.

צום טרויעריקן אָנדענק פון אָט דער שרעקלעכער נאַכט ווערט אין דער שול צייט יאָרן אַלע יום-כפור געלייענט אַ סליחה, אין וועלכער מע באַקלאָגט די געפאַלענע ברידער*)

די אַלטע שול אַליין דערציילט אויך וועגן די שרעקלעכע געשעענישן: פון יענעמאָל אָן האָט קיינער ניט גערייניקט און ניט געווייסט אירע ווענט. די רבנים האָבן ניט דערלאָזט זיך צוצורירן צו זיי. זאָל דאָס בלוט פון די קדושים פאַרבלייבן פאַר אַ זכר, די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן, אַז דאָס איז דאָס בלוט פון די פאַר-פייניקטע.

נאָך אַ סך אַנדערע שטורעמווינטן האָט געהאַט איבערגעלעבט אָט די אַלטע שול.

---

*) דער מחבר פון דער סליחה, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן טרויער און הייסן פּאַטעטישן געפיל, איז געווען דער באַרימטער רב ר' אביגדור קאַרא, וואָס האָט מיט זיינע אויגן צוגעזען די שרעקלעכע געשעענישן.

אין יאָר שי״ג האָט די יידישע געטאָ אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע שרפה. כמעט די גאַנצע שטאָט איז דאַן אַוועק מיטן פייער. נאָר די אַלטע שול איז ווי אַ פעסטונג געבליבן שטיין אין מיטן פון דעם פייערדיקן ים.

פון אַלע זייטן האָבן געזעצט זיילן פון שוואַרצן שטיקנדיקן רויך, זייגען געפלויגן פונקען, האַלאַוועשקעס. אויף דער שול איז קיין איין פונק ניט געפאַלן, האָט קיין דאַכלקע ניט געפּלאַצט... אויפן דאַך-טורעמל פון דער שול האָבן זיך אין דער צייט פון דער שרפה אַראָפּגעלאָזט צוויי ווייסע טויבן און זיינען דאָרט געזעסן ביז וואַנען די שרפה האָט זיך איינגעשטילט. די שרעקלעכע היץ, דער שטיקנדיקער רויך האָבן זיי פון דאָרט ניט פאַרטריבן און נאָר, אַז די געפאַר איז אַריבער, האָבן זיי זיך איינע נאָך דער אַנדערער אויפגעהויבן, אַ פאָך געטאָן מיט די ווייסע פליגל און פאַרשווינדן געוואָרן ווייט ווייט אין די וואָלקנס אַריין.

דער אוצר.

דאָס האָט פּאַסירט שוין לאַנג, לאַנג, מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק. פאָרט אַמאָל דער פּרנס פון דער שטאָט פּראָג רבי יצחק פון מרחקים צוריק אַהיים.

געווען איז דאָס אין שפּעטן האַרבסט. פאָרט ער אַזוי דורך אַ געדיכטן וואַלד, פאָרט אַזוי און פאָרט, פּלוצלונג כאַפּט זיך דער פורמאַן — זיי זיינען אַראָפּ פון וועג און בלאָנדזשען. נעמט ער זוכן דעם ריכטיקן וועג, זוכט, זוכט און קען אים ניט געפינען.

ס'איז געוואָרן פינסטערלעך, אין געדיכטן וואַלד נאָך פריער ווי אין פרייען פעלד. זעט מען שוין גאָר קיין וועג ניט.

פּלוצלונג האָט ווייט ערגעץ צווישן די ביימער אַ בליאַסק געטאָן אַ גרין פייערל. די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּיצט די אויערן, גענומען הירזשען און גיין אַהינטער. דאָס פייערל איז אַלץ געוואַקסן און באַלד איז דערפון אויסגעוואַקסן אַ העלער פלאַם.

דער פורמאַן האָט זיך דערשראָקן, אָבער רב יצחק האָט דעם מוט ניט פאַרלאָרן. ער האָט געהייסן דעם פורמאַן אָפּהאַלטן די פערד, פאַרבינדן זיי די אויגן און וואַרטן אויף אים דאָ אויף דעם אָרט. ער אַליין וועט אונטערגיין אַהין זען, וואָס עס איז דאָרט צווישן די ביימער.

און ער איז אַוועק גלייך צום פייער.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען און געקומען סוף-כל-סוף אויף אַ פעלד אין מיטן וואַלד. און זיינע אויגן האָבן אַ וואונדער דערזען: אינמיטן פעלד איז געווען אָנגעשאָטן אַ קופּע מיט גאָלד און זילבער. צוויי קאַרליקלעך מיט לאַנגע ווייסע בערד האָבן געשעפּט דאָס געלט מיט די הויפנס און געשאָטן עס אין זעק.

די קאַרליקלעך זיינען געווען אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז זיי האָבן גאָרניט באַמערקט דעם געקומענעם גאַסט.

רב יצחק איז געשטאַנען און געגאַפט.

ענדלעך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט ביי זיי, פאַר וועמען שיטן זיי דאָס אָן די זעק מיט געלט.

דערהערט ווערטער, זיינען די קאַרליקלעך געוואָרן שרעקלעך בייז און איינער האָט זיך אָפּגערופן צו אים מיט כעס:

פאַר דיר געוויס ניט! פאַר דיר ניט!

געזאָגט — און ער איז גלייך נעלם געוואָרן און צוזאַמען מיט אים איז אויך פאַרשוואונדן געוואָרן דאָס גאָלד מיט דעם זילבער. נאָר עטלעכע דוקאַטן האָבן אַרויסגעבלישטשעט פון גראָז.

דער אַנדער קאַרליקל איז פאַרבליבן. רב יצחק איז געוואָרן זייער בייגעריק און ער האָט גענומען נאָכפרעגן, פאַר וועמען האָבן זיי דאָס געזאַמלט דאָס גאָלד.

— פאַר דיר ניט! — האָט דאָס אַנדער קאַרליקל אים געענטפערט.

— פאַר וועמען זשע?

— פאַר דיינעם אַ בן-עיר. דו האָסט אונדז ניט געדאַרפט פרעגן. אָט האָסטו אונדז געשטערט און דערמיט פיל שאָדן געבראַכט אונדזער זאַך.

— ווער איז ער דאָס, אָט דער גליקלעכער, זאָג מיר, טייערער קאַרליקל.

— איך טאָר ניט!

— נו, אויב דו ווילסט ניט זאָגן דעם נאָמען, טאָ גיב כאָטש אַ רמז.

— דאָס טאָר איך אויך ניט.

— טאָ זאָג כאָטש, ווען וועט דער אוצר זיך אַנטפּלעקן.

— ווען דיין טאָכטער וועט החתונה האָבן.

— מיין טאָכטער? — האָט געפרעגט דער פרנס אַ פאַרוווּנדערטער — וואָס פאַר אַ שייכות האָט מיין טאָכטער צו דעם?

— איך טאָר ניט אויסזאָגן, ס'קען קיין זאַך ניט העלפן.

— אַזאַ אוצר!.. גאָט!..און איך קען גאָר ניט געניסן! ערלויב מיר כאָטש אויפהייבן אָט די מטבעס, וואָס וואַלגערן זיך אין גראָז.

— דאָס ניט — האָט בייז אויסגעשריען דער קאַרליק. איין זאַך נאָר — אויב דו ווילסט זיי אויסבייטן... דאָס קענסטו.

דער פרנס האָט מיט גרויס פרייד איינגעשטימט. ער האָט אוועקגעלייגט דריי דוקאַטן און אויפגעהויבן די דריי פון דער ערד.

און אַז ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער ערד, איז דאָס פעלד געווען אינגאַנצן פוסט. דאָס קאַרליקל מיטן פייערל זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

אַרום איז געווען שטאָק פינצטער. אין די שפּיצן פון די ביימער האָט געראַשט דער ווינט.

רב יצחק איז צוריק אַוועק צום פערד און וואָגן. דעם פּורמאַן האָט ער פון קיין מעשה ניט דערציילט, נאָר געטריבן אים, ער זאָל פאָרן גיכער.

איצט האָבן שוין די פערד קיין מורא ניט געהאַט און זיי זיינען געלאָפן האַסטיק און מונטער.

אינגיכן האָט זיך אויסגעלייטערט. זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד און אַרויף אויפן ריכטיקן וועג.

ס'איז נאָך געווען ווייט פון דער היים. אַ גאַנצע נאַכט האָט נאָך רב יצחק געדאַרפט פאָרן און נאָר אינדערפרי איז ער אָנגעקומען צום טויער פון דעם פּראָגער יידישן געטאָ.

ב.

געקומען אַהיים האָט רב יצחק גענומען טראַכטן: ווער קען דאָס זיין דער בר־מזל, וואָס ס'איז אים באַשערט אַזאַ אוצר, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו דעם זיין טאָכטער.

ער האָט אַרויסגענומען די דוקאַטן, וואָס ער האָט אויפגעהויבן אין וואַלד, געקוקט אויף זיי, געטראַכט, געבראָכן זיך דעם קאָפּ, נאָר אַלץ אומזיסט.

די נייגעריקייט האָט אים אָבער ניט נאָכגעלאָזן.

סוף־כל־סוף איז אים איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: ער וועט פּרווון, אפשר וועט ער דערגיין די זאַך דורך אַ נס.

און ער האָט פאַרוויקלט די דוקאַטן אין פּאַפּירלעך, יעדערן באַזונדער, אַרויסגעוואָרפן אייבעם דורכן פענסטער אויף דער גאַס און גענומען וואַרטן.

אַ סך מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי זיין הויז הין און צוריק. קיינער האָט ניט באַמערקט דאָס פּאַפּירל.

דער טאָג האָט זיך שוין געהאַלטן ביים אויסלעשן און רב יצחק האָט שוין געוואָלט. שיקן דעם משרש אויפהייבן דעם דוקאַט־מיסאַמאָל... איז צוגעלאָפן אַ יינגל, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער. דערזען דאָס פּאַפּירל, איז ער גלייך צוגעשפּרונגען צו דעם, איינגעבויגן זיך, צוגענומען דעם דוקאַט און איז אַנטלאָפן.

רב יצחק האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז אַזאַ קבצן זאָל באַקומען דעם אוצר.

אויף מאָרגן האָט ער אַרויסגעוואָרפן דער צווייטן דוקאַט און גענומען היטן, וואָס דאָ וועט זיין.

ווידער זיינען געגאַנגען מענטשן הין און צוריק און דאָס פּאַפּירל ניט געזען. פאַרנאַכטלעך איז געקומען דאָסזעלבע יינגל און האָט צוגענומען דעם צווייטן דוקאַט.

און אַזוי איז אויך געווען מיטן דריטן דוקאַט.

— דאָס איז שוין געוויס ניט קיין צופאַל — האָט זיך דער פּרנס געטראַכט — דאָס איז שוין דער ריכטיקער סימן.

און עס האָט זיך אים פאַרוואָלט דערגיין, ווער עס איז דאָס יינגל, וואָס האָט אויפגעהויבן די דוקאַטן.

איבער גאַנץ שטאָט האָט מען אויסגערופן, אַז דער פּרנס האָט פאַרלאָרן דריי גאָלדענע דוקאַטן. דער פּרנס האָפט, אַז מע וועט אים זיין אבידה אומקערן.

און ווי נאָר מע האָט אויסגערופן וועגן דער אבידה, אַזוי איז באַלד געקומען צום פּרנס דאָס יינגל, וואָס האָט אויפגעהויבן די דוקאַטן. ער האָט געבראַכט נאָר צוויי און געבעטן, מע זאָל אים מוחל זיין פאַרן דריטן. ער האָט אים געגעבן דער מוטער זיינער צום האַנדל. ווי נאָר זי וועט אויפליזן דאָס געלט, וועט ער עס גלייך ברענגען. ווען ער וויס ווע מעס דוקאַטן דאָס זיינען, וואָלט ער נאָך פריער צוריקגעקערט אַלע דריי... דריי נעכט נאָכאַנאַנד האָט דאָס יינגל געזען אין חלום, אַז ער דאַרף גיין אַהער

צום פרנסעס הויז, ווו ער וועט געפינען דריי דוקאטן איינגע-וויקלט אין פאפירל'עך.

איצט איז שוין ביי רב יצחקן קיין ספק ניט געווען, אז אט דעם ארעמען יינגל מרדכי שאול מייזלס איז דאס באשערט צו באקומען דעם אוצר.

ער האט געליובט דאס יינגל פאר זיין ערלעכקייט, אוועק-געשאנקען אים די דריי דוקאטן און פארגעלייגט אים צו פאר-בלייבן ביי אים אויף שטענדיק, ווערן זיין יורש-אצר. ער וועט מיט אים לערנען, געבן אים עסן און טרינקען, באשוכן און באקליידן.

דאס יינגל האט אבער ניט מסכים געווען. די מאמע איז איינע אליין און קראנק, דער טאטע איז בלינד — איך בין ביי אים איינער און דארף אים פירן דריי מאל אין טאג אין שול אריין.

— איך וועל דינגען א יידן, וואס וועט פירן דעם טאטן דיינעם אין שול אריין — האט פארגעלייגט דער פרנס.

— ניין — א פרעמדער איז ניט קיין אייגענער — האט דאס יינגל געענטפערט און איז אוועק אהיים.

אין א געוויסער צייט ארום איז דער פרנס אריינגעקומען צו די עלטערן פון דעם יינגל און דערציילט זיי, אז ער וויל זייער קינד נעמען צו זיך: — אייער קינד איז מיר זייער געפעלן — האט געזאגט צו זיי דער פרנס — איך וועל מיט אים לערנען, געבן אים עסן און טרינקען און אויב ער וועט מיר ווייטער אזוי געפעלן, וועל איך אים חתונה מאכן מיט מיין טאכטער.

די ארעמע טאטע-מאמע זיינען געווען זייער גערירט פון דעם, וואס דער רייכער פרנס האט זיי באזוכט. די לעצטע ווער-טער האבן אויף זיי געמאכט אזא רושם, אז זיי האבן גארניט גע-ווסט פאר גרויס גליק ווי אים צו דאנקען.

זיי האבן אים אפגעגעבן דאס קינד און אייך צוגעזאגט קיי-נעם ניט צו דערציילן קיין מעשה וועגן דעם, וואס זיי האבן מיט אים אפגערעדט.

מרדכי איז אלט געווען 15 יאר, ווען ער איז אריינגעפאלן צום רייכן פרנס אין שטוב

אַלע טאָג פלעגט ער קומען צהייב, פירן דעם טאַטן אין שול צריין, העלפן דער מאַמען אין געשעפט. דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט אין לערנען און ער איז אינגיכן באַרימט געוואָרן פאַר אַ גרויסן עלוי.

— אַזוי זיינען אַריבער פינף יאָר — אַז מרדכי איז אַלט געוואָרן 20 יאָר, האָט דער פרנס אים חתונה געמאַכט מיט זיין טאָכטער, און מרדכי איז געוואָרן ביים פרנס ווי אַן אייגן קינד.

איינמאָל, אין אַ וואָך אַרום נאָך דער חתונה, האָט דער שווער מיטגענומען דעם יונגן איידעם און איז מיט אים אַרויסגעפאָרן פון פראָג. ניט דערציילנדיק אים קיין זאַך, האָט ער אים אַוועקגעפירט אין יענעם וואַלד, וווּ ער האָט אַנומלט געזען דעם אוצר. אָבער ס'איז אַריבער די נאַכט און קיין נס איז ניט געשען: ניט קיין קאַרליקעס, ניט קיין אוצר האָבן זיך ניט געוויזן.

אַ פאַרזאָרגטער און אַ פאַרדאגהטער האָט זיך רב יצחק צוריקגעקערט קיין פראָג. די האָפענונג, אַז דער אוצר וועט זיך צו אים אַנטפּלעקן, האָט ער נאָך אָבער אַלץ ניט פאַרלאָרן.

— כ'מוז נאָך אַמאָל פּרוּוון דעם מזל.

אָבער צום צווייטן און צום דריטן מאָל איז געווען דאָס זעלבע. דער אוצר האָט זיך ניט אַנטפּלעקט.

דאַן האָט ער גענומען טראַכטן, אַז קיין אַנדער סברה ניט, דאָס האָבן די ניט-גוטע אָפּגעטאָן מיט אים אַ שפּיצל.

און ער האָט חרטה געקראָגן אויף דער גאַנצער געשיכטע, מיטן ייִנגל און מיטן שידוך.

דעם גאַנצן כעס האָט ער אויסגעלאָזט צום יונגן איידעם און יענער האָט פון אים גענומען שטאַרק ליידן. ענדלעך איז מרדכין שווער געוואָרן צו פאַרבלייבן ווייטער ביים פרנס אין שטוב און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין הויז.

— וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין!

די ווייב האָט ניט איבערגערעדט און דאָס פאָר פאָלק האָט זיך באַזעצט פאַר זיך.

מרדכי האָט איבערגענומען דער מאַמעס אַיין-געשעפט און ס'איז אים גלייך אַוועק אַזוי גוט, אַז ער איז מיט דער צייט גע-

וואָרן באַוווּסט ניט נאָר אין דעם יידישן געטאָ, נאָר אין גאַנץ פּראָג. די עשירות האָבן אָבער זיין האַרץ ניט פאַרשטיינערט. ער איז געבליבן דער גרויסער עָנָיו און דער גרויסער בן-לב: געזאָרגט וועגן אָרעמע, געטיילט צדקה מיט דער פולער האַנט, און ניט נאָר פאַר שטאָט, נאָר אויך עָלָמוֹת, אויף פדיון שבועים א. א.

ג.

איינמאָל זומער, פאַרן קאָרנשניט, איז צו מרדכין אין קראָם אריינגעקומען אַן אָרעמער פּויער. ער האָט אויסגעקליבן עטלעכע סערפּעס און דערציילט מרדכין, אַז איצט פאַרן שניט האָט ער קיין געלט ניט, אפשר וועט מרדכי זיין אַזוי פריינדלעך און אים די סערפּעס באָרגן.

מרדכי האָט דעם פויער ניט געקענט. ער האָט אָבער געפרעגן צו אים צוטרוי און געבאָרגט די סערפּעס. דער פויער האָט זיך זייער דערפרייט און געזאָגט:

— דו ביסט, ווייזט אויס, זייער אַ גוטער, אַז דו גיסט מיר, אַן אומבאַקאַנטן אויף באָרג. אָט וואָס, ביי מיר אינדערהיים שטייט אַן אַלטער אייזערנער קאַסטן, זייער אַ שווערער. עפענען עפנט ער זיך ניט. וויפל איך האָב זיך ניט געמאַטערט — העלפט ניט...

קויף אים גאָר אָפּ ביי מיר אויפן וואָג.

מרדכי האָט איינגעשטימט. אויפן דריטן טאָג האָט אים דער פויערגעבראַכט צופירן דעם קאַסטן. דער קאַסטן איז געווען זייער אַ שווערער. דער פויער האָט באַקומען פאַר אים נאָך מער געלט, וויפיל ס'האָבן באַטראָפן די סערפּעס.

דער פאַרשלאָסענער קאַסטן האָט מרדכין ניט געלאָזט רוען. מרדכי איז געוואָרן זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס עס קען דאָרטן זיין אינעווייניק. ביינאַכט, אַז אַלע זיינען געשלאָפן, איז ער צוגע-גאַנגען, גענומען געצייג און געפּרוּווט אים עפענען. דאָס טירל איז באַלד ווי פון זיך אָפּגעשפרונגען און פאַר זיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט — גאָט! ער איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט: דער קאַסטן איז פול געווען מיט גאָלד, זילבער, דימענטן און בריליאַנטן.

מרדכי האָט געקוקט און אַליין זיינע אויגן ניט געגלויבט.

קומענדיק צו זיך, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס דעקל, צוריק פאַרשלאָסן דעם קאַסטן און קיינעם, אַפילו דער ווייב, קיין מעשה ניט דערציילט.

ער איז געווען דער גרויסער אָרנטלעכער מאַן און איז גרייט געווען אָפּצוגעבן דאָס אייגנס דעם פויער, וואָס האָט דאָס געבראַכט.

האָט ער געוואַרט אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר. אפשר וועט דער פויער קומען נאָך זיין געלט.

קיינער איז אָבער ניט געקומען.

מרדכי האָט ניט געוווּסט, ווער דער פויער איז, פון וואַנען ער איז געקומען.

אַז ס'איז אַריבער דער יאָר, האָט ער באַשלאָסן, אַז דאָס אייגנס געהערט צו אים און ער קען שוין פון אים געניסן.

קודם־כל איז ער אַוועק צום אַלטן רב און געגעבן אים פיל געלט אויף צו בויען אַ נייע שול, דערביי האָט ער אויסגע־בומען אַ תּנאי, אַז דער נאָמען פון דעם נדבן זאָל בלייבן פאַרבאָרגן.

אַז די שול איז פאַרטיק געוואָרן און מ'האָט זי מחנך גע־ווען, האָט גאַנץ שטאָט אָנטייל גענומען אין דער שמחה.

מרדכי איז זיך געשטאַנען אין אַ ווינקעלע און אַלע האָבן עפּעס ווי אָן אים פאַרגעסן.

נאָר דאָ האָט זיך שוין דער רב ניט געקענט איינהאַלטן. ער איז אַרויף אויפן בימה, אָנגעוויזן אויף מרדכין און אויסגערופן בקול רם:

— אָט וועמען, רבותי, מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די נייע שול!

דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, גענומען אים גריסן און לויבן.

צווישן עולם איז געווען דער פּרנס רב יצחק, מרדכיס שווער.

ער איז שוין ווידער גוטפריינד געוואָרן מיטן איידים.

מרדכי האָט אים דערציילט די געשיכטע מיטן קאַסטן.

— וואַרט ניט אויפן פויער! — האָט רב יצחק אויסגעשריען: דאָס איז דאָך געוויס איינער פון די קאַרליקלעך, וואָס איך האָב געזען אין וואַלד!

און ער האָט דערציילט מרדכין וועגן זיין באַגעגעניש אין וואַלד

און דערקלערט, נאָך וואָס ער האָט אים נאָך דער חתונה געפירט אין וואַלד אַריין.

— ווער האָט דאָס געקאָנט אויסרעכענען אַז ס'וועט אַלץ אזוי פּאַסירן! — האָט ער געטענהט, — אַ נס, אַ נס מן השמים!

מרדכי מייזל איז געבליבן אַ גביר ביז זיין ענדע לעבן. ער איז אויך געבליבן דער גרויסער בעל־צדקה, געטאָן אַ סך גוטס פאַרן כלל־ישראל. לכּבוד אים האָט מען אָנגערופן מיט זיין נאָמען איינע פון די גאַסן פון דער יידישער געטאָ.

דידאָזיקע מ יי ז ל ס גאַס איז נאָך פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג. די נייע שול טראָגט אויך זיין נאָמען. מייזל האָט זייער פיל געטאָן פאַר דער שטאָט, אויסגעבויט אין דעם געטאָ אַ ראַ־טוש, נייע בעדער, יתומים־הייזער, אויסגעברוקירט די שמוציקע גאַסן, פאַרברייטערט דעם בית־עולם.

געשטאָרבן איז ער אין טיפן עלטער, ביז דער לעצטער מי־נוט טראַכטנדיק וועגן טובות הכלל.



יידישע ראטהויז אין פּראג.

דער מַהַר״ל

אין די צייטן פון דעם מלך רודאָלף II האָט געוווינט אין דעם פּראָגער יידישן געטאָ דער כאַרימסטער רב ר׳ אריה לוי בן בצלאל — דער מַהַר״ל*).

דער מהרל איז געווען אַ גָאון עולם, אַ גוואַלדיקער בקי אין ש״ס ופּוסקים און אַ זעלטענער פּיקח.

ער האָט אויך געהאַט גרויסע ידיעות אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. פאַר אים זיינען געווען אַנטפּלעקט אַ סך סודות פון דער נאַטור, וואָס זיינען פאַרבאָרגן פון די פּשוטע בשר ודם.

זיין גאונות איז געווען אין לשֵׂעַר און דער שם זיינער האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער געגנט אַרום.

פון אים האָבן אויך געוווּסט די קריסטלעכע געלערנטע און דער באַוווּסטער קיני גלעכער אַסטראָלאָג טאַכאָ-דע-בראַגאָ איז געווען זיינער אַ גוטער פריינד און האָט זייער געשעצט דעם געלערנטן רב.

די קלאַנגען וועגן מהר״לס חכמה און זיין גרויסן גייסט זיינען דערגאַנגען אַזש צום קיניגלעכן הויף.

אָט וואָס מע דערציילט, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען דעם מהרל׳ס ערשטע באַגעגעניש מיטן קיניג.

איינמאָל איז דער קיניג געפאָרן אין זיין קאַרעטע פון ביישטאָט קיין אַלטשטאָט. אַ סוויטע רייטער האָט אים באַגלייט.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דער קיניג האָט אַרויסגעגעבן די גזירה אַרויסצוטרייבן די יידן פון פּראָג.

דער מהר״ל האָט באַשלאָסן צו גיין צום קיניג און בעטן אים מבטל מאַכן די גזירה.

מע האָט אים אָבער צום קיניג אין פּאַלאַץ ניט אַריינגעלאָזט. דאַן איז ביי אים געבליבן צו טרעפן זיך מיטן קיניג ערגעץ אַנדערשוווּ.

*) מהר״ל אָדער מהרי״ל — ר״ת פון די ווערטער מהורר רבי יהודה (אריה) לוי.

ער האָט געוווּסט, אַז אין דעם באַשטימטן טאָג וועט דער קיניג מוזן דורכפאָרן דורך דער שטיינערנער בריק, וואָס פאַראייניקט די ביידע טיילן פון פּראָג.

האָט ער אָפּגעוואַרט דעם באַשטימטן טאָג און זיך געשטעלט אויף דער בריק וואַרטן. דער קיניג זאָל דורכפאָרן.

און ער האָט זיך טאַקע דערוואַרט.

איינגעשפּאַנט אין פיר פערד, אַרומגערינגלט מיט אַ רייכער סוויטע האָט זיך באַוויזן דעם קיניגס קאַרעטע.

אָט איז זי שוין גאָר נאָענט פון בריק.

— מאַכט אַ וואַרע! — שרייען אויס די רייטער פון דערווייטנס.

דער מהרל בלייבט אָבער שטיין איבערן מיטן וועג, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר די קולות ניט געהערט.

דערזען אַזאַ מין זאַך, האָט דער המון פון גאַס גענומען שרייען, וואַרפן אויף אים מיט שטיינער.

דער מהרל האָט זיך אָבער אַלץ פון אָרט ניט גערירט.

אָנשטאָט שטיינער זיינען געפאַלן אויף אים בלומען...

און אָט איז שוין די קאַרעטע כמעט לעבן אים. דאַכט זיך, אַז נאָך אַ מאָמענט און די היציקע פערד וועלן אים צעטרעטן.

אָבער גרויס איז געווען אַלעמעס וווּנדער, ווען זיי האָבן דערזען, אַז די פערד זיינען מיטאַמאָל געבליבן שטיין פאַר אים, הגם דער פורמאַן האָט ניט געטראַכט וועגן אָפּהאַלטן זיי.

און דאַן האָט זיך דער מהרל גערירט פון אָרט. ער איז צוגעגאַנגען פון דער זייט צו דער קאַרעטע, געפאַלן דעם קיניג צו די פיס און געבעטן חסד פאַר די יידן.

דער קיניג איז שטאַרק פאַרוווּנדערט געוואָרן פון דער געשיכטע און האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין שלאָס אַריין.

דאָס אַליין איז שוין אויך געווען אַ גרויסער חסד, אָבער דעם אמתן חסד האָט דער קיניג אַרויסגעוויזן אויף מאָרגן, ווען דער מהרל איז צו אים געקומען.

דער קיניג האָט אויסגעהערט דעם מהרלס בקשה און בטל געמאַכט די שרעקלעכע גזירה.

נאָך דערדאָזיקער געשיכטע איז דער מהרל נאָך עטלעכע מאָל איינגעלאַדן געוואָרן צום קיניג אין פּאַלאַץ.

איינמאָל האָט זיך דעם קיניג פאַרוואָלט, דער מהרל זאָל אים ווייזן די אבות: אברהם, יצחק און יעקב מיט זיינע קינדער.

דער מהרל האָט זיך לאַנג אָפּגעזאָגט א יסצופירן דעמדאָזיקן באַפעל פון קיניג. דער קיניג איז אָבער שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים און דער מהרל איז געצווונגען געווען צו דערפילן דעם קיניגס פאַרלאַנג.

איין תנאי האָט ער אָבער אויסגענומען ביים קיניג מיט זיינע הויפלייט — ווען די הייליקע געשטאַלטן וועלן פאַרבייגיין, זאָל קיינער קיין שמייכל ניט טאָן.

אין דער באַשטימטער שעה האָבן זיך דער קיניג מיט די הויפלייט פאַרזאַמלט אין אַ באַזונדערן חדר און מיט גרויס ציטערניש געווארט.

ביי דער טיפעניש פון פענסטער איז געשטאַנען די הויכע שטאָלצע געשטאַלט פון דעם מהרל.

פּלוצלונג איז ער נעלם געוואָרן, ווי אין אַ נעפּל און פון נעפּל איז דייטלעך אַרויסגעטראָטן די געשטאַלט פון זקן אברהם אבינו. די פיגור איז ווי פאַרבייגעשוווּמען און איז צעגאַנגען געוואָרן אין דער פינסטערניש. נאָך אברהמען האָבן זיך געוויזן יצחק, יעקב און זיינע זין, איינער נאָכן אנדערן.

מיט גרויס שרעק און ציטער האָבן די פאַרזאַמלטע געקוקט אויף די געשטאַלטן פון די אבות. מיטאַמאָל איז אַרויסגעשוווּמען די פיגור פון נפתלי. ער איז געווען אַ געלער, מיט זומערשפּרינקלעך. זיין גאַנצע פיגור איז געווען אַזוי לעכערלעך, אַז דער קיניג האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן דעם שמייכל.

ווי נאָר אָבער דער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן קיניגס פּנים, איז די געשטאַלט תיכף פאַרשוווּנדן געוואָרן. באַלד נאָכדעם איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן דער נעפּל, פון וואַנען די פיגורן זיינען אַרויסגעקומען, און דער חדר איז פיל געוואָרן מיט שרעקלעכע קולות. די הויפלייט זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער און מיט ציטערדיקע הענט גענומען ווייזן אויפן באַלקן. דער

באַלקן איז צעראָפּגעהאַנגען און גענומען זיך אַראָפּלאָזן. בלייך פאַר שרעק האָבן זיי זיך אַלע געוואָלט אַ וואָרף טאָן צום אַרויס־גאַנג. זיי האָבן זיך אָבער ניט געקאָנט רירן פון אָרט און זיינען געבליבן ווי צוגעשמידטע. אַלע האָבן אָנגעהויבן צו רופן דעם מהרל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך באַוויזן אין פענסטער. ער האָט אויפגעהויבן די הענט אינדערהויך און דער באַלקן איז געבליבן הענגען. דער קיניג מיט די הויפלייט האָבן דאַן אויף גיך פאַרלאָזט דעם חדר.

דער קיניג האָט באַפוילן דעם דאָזיקן חדר צו פאַרשליסן און פון יענסמאָל אָן איז ער שוין קיינמאָל אַהין ניט אַריינגעקומען.

די גוטע באַציִונגען פון קיניג צום מהר״ל האָבן זיך נאָך. דער דאָזיקער מעשה ניט געענדערט. פאַרקערט, אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אים דער קיניג פאַרשאַפט גרויס כבוד: דער מהר״ל האָט זוכה געווען, אַז דער קיניג בכבודו ובעצמו זאָל אים באַזוכן.

אַזאַ כבוד האָט נאָך די יידישע געטאָ קיינמאָל ניט געהאַט.

וועגן דעם קיניגס באַזוך ביים מהרל איז פאַראַן אַזאַ לעגענדע:

דעם מהרלס הויז איז ווי אַלע יידישע הייזער אין געטאָ, געווען אַלט און אָפּגעלאָזט, אָבער אַז דער קיניג מיט זיין סוויטע האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם רב׳ס הויז, איז אַלץ מיט־אַמאָל פאַרענדערט געוואָרן.

דאָס איינפאַכע הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראַכט־פולן פּאַלאַץ, די הילצערנע טרעפּ, אין קלאָרן מירמלשטיין, וואָס האָט געבלאַנקט ווי אַ שפּיגל.

דער וועג איז אויסגעשפּרייט געוואָרן מיט טייערע טעפּיכער.

דער קיניג מיט זיין סוויטע האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנ־דערן פון דער אַרומיקער פּראַכט.

די געסט זיינען אַרויפגעקומען אין אַן אויפּערשטער סאַליע, וואָס איז געווען אויסגעקלעפּט מיט די טייערסטע טאַפּעטן און באַ־צירט מיט די זעלטנסטע בילדער.

דורך די ברייט פונאַנדערגעעפנטע טירן האָבן זיך געזען אַ גאַנצע ריי פון רייך אויסגעפוצטע זאַלן.

באגלייטנדיק דעם קיניג דורך אַלע זאַלן, האָט אים דער מהרל ענדלעך אַריינגעפירט אין אַ סאַליע, ווו עס זיינען געווען געגרייט טישן מיט די טייערסטע מאכלים.

דער מהרל האָט איינגעלאַדן די געסט צום טיש.

דער קיניג מיט זיין סוויטע האָבן זיך געזעצט צום טיש און דער מהרל האָט מכבד געווען די געסט מיט אַזוינע מאכלים, וואָס אַפילו דער קיניג אַליין וואָלט זיך דאָס געוואונטשן צו האָבן שטענדיק.

דער קיניג האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון די אַלע ניסים ונפלאות, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעזען. ער האָט פאַר־בראַכט ביים מהרל אַ לענגערע צייט און מיט גרויס צופרידנקייט פאַרלאָזט דעם מהרלס הויז.

ניט איינמאָל נאָכהער האָט ער אַרויסגעוויזן דעם גרויסן רב זיין פריינדשאַפט און זיין חסד.

כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דעם קיניגס באזוך, האָט דער מהרל געלאָזט אויסהאַקן לעבן זיין שטוב אַ שטיינערנעם דענק־מאָל — אַ לייב מיט אַ בינטל וויינטרויבן

פון דעם מהרלס לעבן ווערט נאָך דערציילט די וואונדערלע־כע לעגענדע וועגן דעם, אַז ער האָט באַשאַפן אַ גולם פון ליים.

דער מהר"ל האָט אַליין אויסגעקנאָטן פון ליים אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן און אַריינגעלייגט אים אין מויל אַריין דעם שם המפורש.

דער גולם איז באַלד לעבעדיק געוואָרן.

דער גולם איז געווען זייער געזונט און פלעגט אָפּטאָן די שווערסטע אַרבעט: קערן, ראַמען, האַקן האָלץ, שלעפּן וואַסער א. ד. ג.

דערביי האָט ער זיך ניט גענויטיקט ניט אין קיין עסן, ניט אין קיין רו. און אַזוי פלעגט ער אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך אָן אָפּרו.

פרייטאָג פאַרנאַכט, אַז ס'פלעגט אָנקומען דער הייליקער שבת, פלעגט דער רב אַרויסנעמען ביים גולם דעם שם המפורש און דאַן פלעגט דער גולם זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטיק ליים.

מוצאי שבת פלעגט אים דער רבי ווידער אַריינלייגן דעם שם אין מויל אַריין און דער גולם פלעגט ווידער אָפּלעבן.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז דער מהרל האָט זיך גאַיילט פרייטאָג פאַרנאַכט אין שול אַריין און האָט פאַרגעסן אַרויסצונע־מען ביים גולם פון מויל דעם שם.

אין שול האָט מען אָנגעהויבן מקבל שבת זיין. מיטאַמאָל קו־מען צו לויפן דעם רבס בני־בית מיט נאָך אַנדערע שכנים מיט קולות און יללות: דער גולם האָט זיך צעבונטעוועט, לאָזט קיינעם צו זיך ניט צו און סטראַשעט, אַז ער וועט אַלעמען אויסהרגענען.

דער רב איז געשטאַנען און האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. עס איז דאָך שוין שבת!... פון דער אַנדער זייט האָט ער אָבער באַלד אַ טראַכט געטאָן — דער גולם קען דאָך דאָרט אָנמאַכן חורבונות.

דער עולם האָט געוואַרט אין איינע ציטערניש.

ענדלעך האָט זיך דער רב באַשלאָסן. ניט ריידנדיק קיין וואָרט, איז ער אַרויס פון שול און איז אַוועק אַהיים.

נאָך פון דער וויטנס האָט ער שוין דערהערט דעם רעש מיטן געפילדער. הינטער דעם רב איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער המון מענטשן.

דער רב איז אַריין אין שטוב און געפונען דאָרט אַ חורבן: די כלים, די מעבל — צעבראָכן, די קופערטס — צעוואָרפן, די ספרים — צעריסן.

נאָך גרעסער איז געווען דער חורבן אויפן הויף.

דער גולם האָט דאָרט צעמאַזיקט אַלע עופות, געהרגעט דעם הונט, די קאַץ, אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל די הונדערטיעריקע לי־פע, וואָס ביים רבס גאַנעק. ער איז געווען רויט פון אָנשטרענגונג. זיינע שוואַרצע געקרייזלטע האָר זיינען געווען צעשויבערט...

דער מהרל איז גלייך צוגעגאַנגען צו אים, אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און געגומען שטרענג קוקן דעם גולם גלייך אין די אויגן אַריין.

דער גולם האָט גענומען ציטערן. ער האָט אויסגעשטאַרטשעט די אויגן אויף זיין באַשעפער און איז אָפּגעשטאָרבן מיט אַלע גלידער

דער מהר״ל איז צוגעגאַנגען צו אים און מיט איין מאָך פון דער האַנט אַרויסגענומען ביי אים דעם שם המפורש.

דער גולם איז אַזוי ווי אונטערגעשניטן געוואָרן. ער איז אַנידערגעפאַלן און געבליבן ליגן ווי אַ פלאַכטע.

דער אַרומיקער עולם האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון פאַרוווּנדערונג און אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן פרייד-געשריי.

דערזען, אַז דער גולם איז שוין ניט געפערלעך, זיינען אַלע צוגעגאַנגען צו אים נענטער, גענומען פון אים שפּאַסן און שפּאָטן.

דער רבי האָט שווער אָפּגעעטעמט און ניט ריידנדיק קיין וואָרט איז ער צוריק אַוועק אין שול, כדי צו פאַרענדיקן דאָס קבלת-שבת.

ס׳איז אַריבער דער הייליקער שבת, אָבער דער מהרל האָט שוין פון יענסמאָל אָן מער ניט אַריינגעלייגט דעם שם צום גולם אין מויל אַריין.

און אַזוי איז שוין פאַרבליבן דער גולם אַ ליימענער באָלוואַן. אַ לענגערע צייט האָט ער זיך נאָך געוואַלגערט אונטערן באַנק פון דער אַלטער שול און איז לסוף צעפאַלן געוואָרן אויף שטיקלעך.

עס זיינען אַריבער אַ סך יאָרן און אין דעם יידישן קוואַרטאַל אין פראָג זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען.

די שווערע רדיפות אויף יידן האָבן אויפגעהערט. די מויערן פון דעם יידישן געטאָ זיינען שוין לאַנג איינגעפאַלן. די יידן גופא האָבן זיך אויך געענדערט. נאָר די אַלט-נייע שול איז פאַרבליבן ווי געווען אומפאַרענדערט. צוזאַמען מיט דער שול איז דאָרט פאַרבליבן נאָך אַ זכר פון אַמאָל — דער אַלטער בית-עולם.

דאָ אויפן פּראָגער אַלטן בית-עלמין זיינען זיך צונויפגעקומען פילע דורות פון דער אַלטער יידישער שטאָט, אָנגעהויבן פון די גאָר אַמאָליקע צייטן, ווען פּראָג איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, ביז יענער צייט, ווען דער קייסער יוסף II האָט דאָ ווידער ערלויבט די יידן מקבר צו זיין זייערע טויטע. *)

---

*) א געוויסע צייט איז, ווייזט אויס, געווען פאַרבאָטן די יידן מקבר צו זיין זייערע טויטע אויפן אַלטן בית עולם.

אין שאָטן פון בווינען און אַקאַציען־ביימער שטייען דאָ די אַלטע מצבות — די שטומע עדות פון די אַמאָליקע צייטן.

פאַראַן דאָ מצבות רייכע — שטיינערנע, פאַראַן — געמיינע, וואָס באַשטייען פון איינפאַכע ברעטלעך צוגעבויגן איינס צום אַנדערן ווי אַ דעכל.

דער אלטער יידישער בית-עולם אין פראג.

אויף די אַלע מצבות זיינען אָנגעצייכנט פאַרשיידענע סימנים אויף דער מצבה פון אַ ישראל — בינטלעך ווייטרויבן, פון אַ לוי — אַ האַנטפאַס, פון אַ כהן — צוויי הענט.

פאַראַן אויף מצבות מיט געשטאַלטן פון פרויען, לייבן, וועלף, הירשן. אויף אַלע מצבות זיינען דאָ אויפשריפטן. אויף אייניקע — קורצע, נאָר דער נאָמען; אויף אַנדערע — לענגערע — פאַרשיידענע טיטלען און יחוס־בריוו.

צווישן די נעמען זיינען דאָ פיל דייטשישע. אויף די אַלטע מצבות פון XVI י. ה. טרעפן זיך פיל טשעכישע נעמען.

אָט איז אַ פ"נ פון איינעם אַ יידן מיטן נאָמען ט ש ע ך און אָט

טשאַרגיי. און אָט זיינען וויבער: דאָברושקע, טשאַרקע, סלאַווע און ליובושע.

אַ שיינער מינהג איז אַמאָל געווען ביי די פּראָגער יידן: זייענדיק אויפן בית־עולם, פלעגן די באַזוכער איבערלאָזן אויף די מצבות געלט, מתנות פאַר די אָרעמע לייט, וואָס שעמען זיך צו בעטן נדבות.

אויף אייניקע קברים זיינען אָנגעוואָרפן קופּעס שטיינער, גרעסערע און קלענערע, לויט דעם שם, וואָס דער נפטר האָט געהאַט.

באַזוכנדיק אַ קבר, האָט יעדער פרומער ייד געהאַלטן פאַר זיין חוב אַרויפצולייגן אויף דער קופּע אַ נייעם שטיינדל און פאַרריכטן די גאַנצע קופּע.

אַלע דורות פון דעם פּראָגער יידישן געטאָ זיינען דאָ אויפן בית־עולם געקומען צו קבר ישראל. און אַלע צוזאַמען: איינפאַכע יידן מיט די גרעסטע רבנים און גדולי ישראל.

דאָ ליגט דער באַרימטער מחבר פון דער סליחה וועגן די אומגעקומענע יידן אין דער צייט פון קיניג וויאַטשעסלאַוו. דאָ ליגט דער באַרימטער רב מרדכי מייזל, דער גרויסער בעל־חסד און בעל־צדקה, דער באַרימטער מהרל און נאָך און נאָך פיל באַרימטע מענער פון דער פּראָגער יידישער קהילה.

אַלע האָבן זיי דאָ געפונען זייער אייביקע רו אין שאָטן פון די שמעקעדיקע ביימער.

נאָר איינער, דערציילט די לעגענדע, האָט דאָ רויִק ניט געקאָנט איינליגן אין זיין קבר. דאָס איז געווען אַ רב, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן פאַרלאָזן זיין פאָלק, זיך געשמדט און געוואָרן אַ גלח אין דעם קלויסטער פון הייליקן וויט.

נאָר אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן האָט דערדאָזיקער גלח אָנגעהויבן צו בענקען נאָך זיין פאָלק און ס'האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט קומען צו קבר ישראל.

דאָ אויפן אַלטן יידישן בית־עולם האָט מען אַמאָל באַגראָבן זיינע אַ כלה, אַ יידיש קינד.

און זיין לעצטער פאַרלאַנג פאַרן טויט איז געווען — מע זאָל

אים מקבר זיין אַט דאָרט לעבן דעם קבר פון זיין כלה, וואָס איז אים אַזוי טייער.

ער איז געשטאָרבן אַ ייד און די יידן האָבן ערפילט זיין פאַרלאַנג.

ער האָט אָבער אין קבר קיין רו ניט געהאַט, אַזוי, ווי ער האָט קיין רו ניט געהאַט אין לעבן. יעדע נאַכט, דערציילט די לעגענדע, פלעגט ער אויפשטיין פון קבר, צוגיין צו דער וולעט־שאַווע,*) ווו עס האָט געוואַרט אויף אים אַ שיפל און אַריבערשווי־מען אויפן אַנדער ברעג. דער אַריבערפירער איז אויך געווען אַ בר מנן, אַ סקעלעט.

דאָרט אויפן אַנדער ברעג איז געשטאַנען דער קלויסטער פון הייליקן וויט.

דער משומד פלעגט אַריין אין קלויסטער, זיך זעצן ביים אָרגל און נעמען שפילן...

און דער באַגלייטער פלעגט צובלאָזן אויף אַ בלאָזזאַק.

טרויעריקע הארצרייסנדיקע ווײ־געשרייען פון אַ פאַרוואָגלטער נשמה האָבן געקלונגען אין די טענער און הילכיק אָפּגעקלונגען אין דעם ליידיקן רוים פון דעם גרויסן קלויסטער. די ליידנדיקע נשמה האָט גערופן צו גאָט, געבעטן מחילה. די געבעטן זיינען אָבער ניט אָנגענומען געוואָרן....

פונקט אַ שעה פלעגט געדויערן דאָס געבעט. און ווען דער אויפן קלויסטער־טורעם פלעגט דער זייגער שלאָגן איינס, פלעגט דער אָרגל אַנטשוויגן ווערן. און אַ טרויעריקער פלעגט זיך דער משומד צוריקקערן צום טייך, אַריבערשיפן זיך אויפן אַנדער ברעג און צוריק אַריינלייגן זיך אין קבר.

און אויף מאָרגן ווידער קומען אין קלויסטער און ווידער אויסגיסן אין די טרויערדיקע טענער פון אָרגל זיין צעבראָכן ביי־טער געמיט ...

---

*) א טייך.

ר׳ב יהונתן פּרעגער.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט אין דער שטאָט פּראָג געוווינט דער באַרימטער חכם און למדן רב יהונתן פּרעגער.

דער שם פון ר׳ב יהונתן פּרעגער האָט געקלונגען ווייט אַרום׳ אין דער גאַנצער סביבה און די גרעסטע מענטשן פלעגן אַראָפּקומען צו אים, כדי מיט אים זיך עצות צו האַלטן.

און דער גרויסער חכם פלעגט אַלעמען ענטפערן און די האַרבסטע שאלות פאַרענטפערן.

אין יענער צייט האָט געקיניגט אין פּראָג אַ גרויסער שונא־ישראל.

איינמאָל איז צו ר׳ יהונתן פּרעגער אַראָפּגעקומען דער קי־ניג פון דעם לאַנד.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען ער האָט זיך געקליבן אַרויסצוגיין מלחמה האַלטן מיט זיינעם אַ שונא.

— זאָג מיר, דו באַוווסטער חכם, האָט זיך דער קיניג געווענ־דעט צו רב יהונתנען, דורך וועלכן טויער וועל איך אַריינפאָרן אין דעם לאַנד, וואָס איך גיי היינט באַצווינגען.

— אדוני קיניג — האָט רב יהונתן פּרעגער געענטפערט — נעם ניט פאַר אומגוט, וואָס איך וועל דיר זאָגן אַן אמת אין די אויגן.. אַן ענטפער אויף דיין פראַגע קען איך דיר געבן, איך האָב אָבער מורא, אַז ווען אַ ייד וועט דיר זאָגן: — דו וועסט אַריין דורך איין טויער —, וועסטו אַריין דורך אַ צווייטן...

— ווייסטו וואָס ! — האָט דער קיניג דאַן געזאָגט — לאָמיר אָפּמאַכן אַזוי:

דו וועסט אָנשרייבן דיין תשובה אויף אַ פּאַפּיר. דאָס פּאַ־פּיר וועל איך פאַרחתמענען, איבערגעבן מיינע קנעכט, זיי זאָלן עס באַהאַלטן און איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז איידער איך וועל אַריינפאָרן אין דעם פרעמדן לאַנד, וועל איך דאָס פּאַפּיר ניט עפענען.

רב יהונתן פּרעגער האָט דאַן פאַרשריבן זיין תשובה אויף אַ פּאַפּיר און איבערגעגעבן דעם קיניג.

אין אַ יאָר אַרום האָט דער קיניג איינגענומען דאָס פּוּעמע־לאַנד.

אַז דער קיניג איז געקומען צום שונאס הויפּשטאָט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איצט קען מעגלעך זיין, עס זאָלן זיך אַרויס־ווייזן פּאַר ריכטיק די ווערטער פון אַ יידן.

דער שונא־ישראל האָט דאָס בשום אופן ניט געוואָלט דער־לאָזן און ער האָט באַפוילן זיינע קנעכט, זיי זאָלן דורכברעכן אַ וואַנט, און אַזוי אַרום איז ער אַריינגעפאָרן אין דעם שונאס הויפּשטאָט גאָר דורך אַ נייעם טויער...

דער קיניג האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זיין קלוגן איינפאַל און זיך געטראַכט:

— איך האָב איבערגעקליגט דעם גרויסן יידישן חכם, איצט וועל איך אים פאַרשעמען פאַרן גאַנצן לאַנד!

געקומען אהיים, האָט דער קיניג גלייך געהייסן ברענגען צו זיך דעם יידישן חכם. מיט גרויס פרייד האָט ער אַליין אויפגעריסן פאַרן חכם אין די אויגן דאָס פאַרחתמעטע פּאַפּיר.

ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט איבער־געלייענט דידאָזיקע ווערטער:

„דער קיניג וועט געוויס צעברעכן אַ וואַנט און אַריינפאָרן גאָר דורך אַ נייעם טויער".

— זאָג מיר, דו קלוגער מאַן, — האָט דער קיניג אין אַ ווייַלע אַרום געפרעגט — ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט פאָרויסזען, אַז אַזוינס וועט פאַסירן?

— אדוני קיניג! — האָט רב יהונתן געענטפערט — נעם ניט פאַר אומגוט, וואָס איך וועל דיר ווידעראַמאָל זאָגן דעם אמת אין די אויגן ... מיר, יידן, ווייסן, אַז דו האָסט אָפּגעקערט דיין חסד פון אונדז... איך האָב זיך דעריבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן, דו זאָלסט זיך צוהערן צו אַ יידנס אַן עצה.. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט גיכער לאָזן אַ וואַנט דורכברעכן, איידער אַריינפאָרן דורך דעם טויער, וואָס איך, אַ פּשוטער ייד, וועל דיר אָנווייזן...

רב יהונתנס ענטפער האָט געמאַכט אויפן קיניג אַ שטאַרקן רושם.

דער קיניג האָט אַ גלעט געטאָן דעם חכם איבערן גרייז־גרויען קאָפּ און געזאָגט:

— דו ביסט ביי מיר העכער פון אַלע אַנדערע חכמים, קיי־נער פון זיי האָט מיר ניט געקאָנט געבן קיין תשובה אויף מיין פראַגע און נאָר דיר איינעם איז דער סוד אַנטפּלעקט געוואָרן.

דער קיניג האָט געוואָלט אַריינעמען דעם חכם צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין. רב יהונתן פּרעגער האָט אָבער באַדאַנקט דעם קי־ניג פאַרן גרויסן כבוד און איז פאַרליבן לעבן אין זיין אייגן שטאָט פּראָג.

דער פארלאג „די נייע יידישע פאָלקסשול" האָט שוין ארויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער:

א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך (פארן 1-טן לערניאָר) באארבעט לויט שטעקלין און אנדערע (2 אויפלאגעס) פון ש. באסטאָמסקי.

2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באא־בעט לויט שטעקלין און אנדערע פון ש. באסטאָמסקי.

3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט) (5 אויפלאגעס) פון ש. באסטאמסקי.

4. אריטמעטישער רעכנבוך (פלערליי צאָלן). (4 אויפלאגעס) פון ש. באסטאמסקי.

5. אריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן) (4 אויפלאגעס) פון ש. באסטאמסקי און ל. הורוויץ. מיט א ביילאגע פון דער טערמינאלאגיע פון אריטמעטיק אויסגעארבעט כוו א קאמיסיע ביי דער ווילנער יידישער לערער-צוזאמענפאר.

6. ש. באסטאָמסקי און מ. חיימסאן—„לעבעדיקע קלאנגען" א רייך-אילוסטרירטער א"ב

7. „לעבעדיקע קלאנגען". כרעסטאָמאטיע פארן ערשטן לערניאָר די „לעבעדיקע קלאנגען" זיינען באשטעטיקט פון א קאמיסיע לערער ביים ווילנער צ. ב. ק.

„לעבעדיקע קלאנגען"— כרעסטאמאטיע פארן 2-טן לערניאר. פון ש. באסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

„דער נייער לערער"—זאמלונג פון פּעדאגאגישע איבונגען אין יעדער אינסטיטוציע די געדאנקען.

אריטמעטישער רעכנבוך—לערער טייל (פּראָצענטן, דיסקאָנט, ווערטשאפט א. א.)

מעטאָדישע אָנווייזונגען צו „די לעבעדיקע קלאנגען" מיט א פּרוב-פּראָגראם פון יידיש פאר דעם 1-טן לערניאָר.

מארק

ביבליאָטעק פאַר יינגערע קינדער:

פון ש. באסטאָמסקי.

1. יעקעלע נאַר—(א מעשהלע) . . . .
2. יודע דער וואַסערטרעגער און זיינע מעשיות .
3. מזל--(א יידישע פאָלקסמעשה) . . . .
4. צוויי מתּנות—(א מעשהלע) . . . .
5. א) דער נס, ב) דער צדיק (2 לעגענדעס) . . .
6. דער בוים און דער ווינט . . . . . .
7. יינגל צינגל — — — — לויט בר. גרים . .
8. די אמתע כלה — — — 〃 〃 〃 . .
9. דריי מענטשעלאך אין וואַלד— 〃 〃 〃 . .
10. כישופמאַכער און זון — — — 〃 〃 〃 . .
11. דער העלדישער שניידערל — 〃 〃 〃 . .
12. האַנס און גרעטכען — — — 〃 〃 〃 . .
13. רויט היטעלע — — — — — 〃 〃 〃 . .
14. א מעשה מיט זיבן ציגעלאַך — 〃 〃 〃 . .
15. קאַרוזאָ—(דערציילונג פון דעם לעבן פון די איטאַליע-נישע קינדער, וואָס ארבעטן אין די שאַכטעס) . . .
16. גיובער האַסען—(פון דעם לעבן פון די קוילנגרעבער) .
17. דער ליגנער—(א מעשהלע). . . . .
18. די נאַשערקע— 〃 . . . .
19. מעשהלאַך פון עזאָפּ 1-טע העפט . . . . .
20. 〃 〃 2-טע 〃 . . . . . .
21. 〃 〃 3-טע 〃 . . . . . .
22. דער פארשלאָפענער קאַסטן (יידישע פאָלקסמעשה).
23. צוויי יתומים—(פאָלקסמעשהלע פאַר קלענערע קינדער).